גליון 209
נצו"י תשפ"ד



# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

# חַאצְקְל בַּעַל עֲגָלָה

**חַאצְקְל בַּעַל עֲגָלָה** אִיז בַּאלִיבְּט בַּיי אַלֶע זַיינֶע אַרוּמִיגֶע, יֶעדְן טָאג נָאךְ שַׁחֲרִית זִיצְט עֶר מִיט זַיינֶע קְלֵיינֶע סְפָרִים אוּן לֶערְנְט פְלַייסִיג זַיינֶע סְדָרִים, אֵיין סְעִיף נָאכְן צְוֵוייטְן, אַ מִשְׁנָה נָאךְ אַ מִשְׁנָה וִוי זַיין סֵדֶר. וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט פַארְמַאכְט עֶר זַיינֶע סְפָרִים מִיט אַ קוּשׁ אוֹיפְן סֵפֶר אוּן גֵייט אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַבִּיסְל פַּרְנָסָה, צוּ פִירְן מֶענְטְשְׁן פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּם צְוֵוייטְן, פוּן אֵיין דֶערְפְל צוּם אַנְדֶערְן דָארְף.

עֶס שְׁטֵייעֶן אַ גֶעזֶעמְל פוּן פִיל בַּעֲלֵי עֲגָלָה, אִידְן אוּן לְהַבְדִיל עֲרֵלִים, אָבֶער וֶוען זֵיי זוּכְן אֵיינֶעם אוֹיפְצוּנֶעמֶען אוֹיף זֵייעֶר וָואגְן, וֶועט חַאצְקְל דֶער עֶרְשְׁטֶער וֶוערְן אוֹיסְגֶעכַאפְּט, וַוייל עֶר מַאכְט אַ גֶעשִׁיקְטְן וֶועג.

פַארְוָואס גְלַייכְט דֶער עוֹלָם צוּ פָארְן מִיט חַאצְקְלְ'ן מֶער וִוי מִיט סַיי וֶועלְכֶער בַּעַל עֲגָלָה?

אַסַאךְ תְּשׁוּבוֹת קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן, אַ חֵלֶק עוֹלָם הַאלְט חַאצְקְלֶ'ען פַאר אַן פַארַאנְטְוָוארְטְלִיכְן אוּן אַחֲרָיוּת'דִיגֶער מֶענְטְשׁ, זַיין אֱמֶת'ער וִוילְן אִיז צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג וֶוען נִישְׁט וָואס עֶר דַארְף בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר זַיין מֹשֶה'לֶעס מְלַמֵּד. אַנְדֶערֶע זָאגְן וַוייל חַאצְקְל טְרָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַ שְׁמֵייכְל אוֹיף זַיין פָּנִים, אוֹיפְן וֶועג צֶעזִינְגְט עֶר זִיךְ מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה פְרֵיילִיכֶע נִגּוּנִים.

אַלֶע הַאלְטְן אָבֶער אֵיינִיג אַז חַאצְקְל הַאלְט אוֹיסְטֶערְלִישׁ גוּט דִי לֵייצֶעס אִין זַיין הַאנְט, עֶר הָאט דִי אוֹיבֶּערְהַאנְט אוֹיף זַיינֶע פֶערְד מִיטְן פוּלְן קָאנְטְרָאל [שְׁלִיטָה] טְרָאץ וָואס זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְקֶע בְּרֵייט בֵּיינֶערְדִיג, צְוֵויי מָאל אַזוֹי גְרוֹיס וִוי חַאצְקְל.

צוּם בַּיישְׁפִּיל, דֶערְצֵיילְט ר' חַיִימְ'ל, "אֵיינְמָאל וֶוען אִיךְ בִּין מִיט אִים גֶעפָארְן אוֹיף אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גֶעדֶעכְטֶע וַואלְד, דִי וֶועג צוּ וואוּ מִיר דַארְפְן פָארְן אִיז זֵייעֶר אַ שְׁמָאלֶע וֶועג, דִי פֶערְד הָאבְּן פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ אַנְטְלוֹיפְן אוֹיף דִי בְּרֵייטֶע גְרוֹיסֶע וֶועג וֶועלְכֶע פִירְט צוּ אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט אוּן אִיז טַאקֶע מֶער בַּאקְוֶועם צוּ פָארְן, אָבֶער דִי פֶערְד הָאבְּן גֶעכַאפְּט גוּטֶע קְלֶעפּ אוּן בְּלֵית בְּרֵירָה גֶעמוּזְט פָאלְגְן זֵייעֶר בַּעַל-הַבַּיִת, חַאצְקְל, וֶועלְכֶער אִיז זֵיי נִישְׁט מְוַותֵּר, עֶר הַאלְט דִי לֵייצֶעס מִיט גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אוּן בְּרֶענְגְט זַיין צוּרִיק צוּם וֶועג צוּ וֶועלְכֶע עֶר צִילְט".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַזַא מָשָׁל (תּוֹרָה נ' ח"ב): "אוּנְזֶערֶע מַחֲשָׁבוֹת פְלִיעֶן אַסַאךְ מָאל צוּ נִישְׁט גוּטֶע פְלֶעצֶער. אוֹיבּ מִיר וֶועלְן קְלָאר וִויסְן אַז ס'אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ טְרַאכְטְן אוֹיפְאֵיינְמָאל צְוֵויי מַחֲשָׁבוֹת, טְרָאץ וָואס עֶס קוּמְט אַרַיין גֶעדַאנְקְן אוּן מַחֲשָׁבוֹת וָואס פְלִיעֶן אִין מֹחַ אוּן פַארְשְׁוִוימְט אוּנְז אַרַיין אוּן פְרֶעמְדֶע אוּמְרֵיינֶע זַאכְן, הָאבְּן אוּנְז דִי כֹּחַ צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען דִי מַחֲשָׁבוֹת אוּן מִיט גֶעוַואלְד צוּרִיקְבֵּייגְן צוּם גְלַייכְן וֶועג, צוּ טְרַאכְטְן וָואס מֶען מֶעג אוּן מֶען דַארְף טְרַאכְטְן.

עֶס אִיז פּוּנְקְט אַזוֹיוִוי אַ פֶערְד וָואס נֵייגְט אַוֶועק פוּנֶעם וֶועג אוּן קֶערְט זִיךְ צוּ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, דַאן כַאפְּט מֶען דִי לֵייצֶעס א.ד.ג אוּן מֶען בְּרֶענְגְט אִים צוּרִיק מִיט גֶעוואלְד צוּם גְלַייכְן וֶועג."

**וָואס לֶערְנֶען מִיר פוּן דֶעם אַרוֹיס?**
**לְמָשָׁל אֵיינֶער טְרַאכְט: "פַארְוָואס גֶעלוּנְגְט אֵייבִּיג פַאר מַיין חַבֵר אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ אוּן מִיר גֵייט עֶס נִישְׁט?"**
**אָדֶער: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט לִיבּ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִין בָּאס פַאר אַן עֶלְטֶערֶער אִיד...**
**"דָאס דַאוֶונֶען אִיז אַזוֹי לַאנְג..."**
**דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וֶוערְן גֶעשִׁיקְט גְלַייךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. אוּן מִיר זֶענֶען בְּכֹחַ אַזוֹיוִוי חַאצְקְל בַּעַל עֲגָלָה אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן דִי מַחֲשָׁבוֹת צוּם רִיכְטִיגְן וֶועג דוּרְךְ זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן אִין אֵיין מַחֲשָׁבָה וָואס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועלְן אַלֶע נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת אַוֶועקְפְלִיעֶן.**



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (12)

**הָאבִּין זֵיי גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם חָכָם.** וִוי אַזוֹי עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט. אַז זִינְט דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. (און וִוי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. אִיז עֶר אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אַלֶע נָאר אִיבֶּער זֵיי דְרַיי דְהַיְינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר מִיט דֶעם מְמוּנֶה אִיז עֶר נִיט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען) בִּיז דִי מְדִינָה הָאבִּין אִים גִיפוּנֶען. אוּן הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אַ מֶלֶךְ. אוּן לְעֵת עַתָּה דֶערְוַוייל מוּז עֶר זֵיי פִּירִין וֶועדְלִיג זֵייעֶר וֶועג. וֶועדְלִיג זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת. בִּיז דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר זֵיי אַרוֹיס פִּירִין אוֹיף דֶעם רֶעכְטִין אֶמֶת.

**הָאבִּין זֵיי גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם חָכָם.** מִכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַּארְפִּירְט גִיוָוארִין אִין דֶעם גֶעלְט. כַּנַּ"ל. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט וֶוען מִיר זָאלִין מֶער נִיט פַּארְוָוארְפִין וֶוערִין. אוּן צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערִין. נָאר פוּן דֶער מְדִינָה וֶועגִין כְּדֵי מֶע זָאל זֵיי פַּאר רֶעכְטִין אוּן אוּם קֶערִין צוּם אֶמֶת. אִיז אוֹיךְ כְּדַאי. וָוארִין דִי זֶענֶען אַזוֹי פַּארְפִּירְט גִיוָוארִין.

**וָוארִין צוּם אֶמֶת דִי אַלֶע כִּתּוֹת הַנַּ"ל** וָואס אִיטְלִיכֶע הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אִיר נַארִישְׁקֵייט. דִי הָאבְּן גִיוָואלְט כָּבוֹד. אוּן דִי רְצִיחָה וְכוּ' כַּנַּ"ל. זֶענֶען זִיךְ אַלֶע פַּארְפִּירְט גִיוֶוען. אוּן מֶע הָאט זֵיי אַלֶע בַּאדַארְפְט אַרוֹיס פִּירִין אוֹיף דֶעם רֶעכְטִין תַּכְלִית. וָוארִין אַפִילוּ דִי כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אַז דֶער תַּכְלִית אִיז חָכְמָה. דִי הָאבִּין אוֹיךְ נִיט דֶערְלַאנְגְט דֶעם אֶמֶתִין תַּכְלִית. אוּן זֵיי בַּאדַארְף מֶען אוֹיךְ אַרוֹיס פִּירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיהַאלְטְן אִין חָכְמוֹת חִיצוֹנִיוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסִית. **לוּשְׁמִיר פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייט** קָאן מֶען גְרִינְגֶער אַרוֹיס פִּירִין. אָבֶער דִי דָאזִיגֶע. זֶענֶען אַזוֹי פַּארְפִּירְט גִיוָוארִין אִין דֶער עֲבוֹדָה זָרָה פוּן גֶעלְט. אוּן זֵיי זֶענֶען דְרִינֶען אַזוֹי אַרַיין גִיפַאלִין. וָואס סֶע נִיט גִימָאלְט זֵיי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען דֶערְפוּן. אוּן דֶער חָכָם הָאט זֵיי אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט. אַז עֶר הָאט אוֹיךְ גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אַז פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת קָאן מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען. נָאר פוּן דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קָאן מֶען נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען. **סַיידִין דָארְךְ דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין צוּ דֶער שְׁוֶוערְד כַּנַּ"ל.**

**הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט.** עֶר וֶועט אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵיי, זֶענֶען זֵיי אַלֶע פִיר גִיגַאנְגֶען. אוּן דִי גָאטִין (דְהַיְינוּ דִי עַשִׁירִים פוּן דֶער מְדִינָה) זֶענֶען אוֹיךְ מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען.

**זֶענֶען זֵיי גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה.** הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט דִי וַוארְטִים. וָואס פַּאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס אוּן וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען. דֶעמוּלְט הָאבִּין זִיךְ דִי לַייט פוּן דֶער מְדִינָה אוֹיס גִיקְלִיבִּין. אַז דֶער תַּכְלִית אִיז דֶער דִיבּוּר. הָאבִּין זֵיי אוֹיף גִינוּמֶען. אַ דַבְּרָן אַ בַּעַל לָשׁוֹן פַּאר אַ מֶלֶךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסִין בַּעַל לָשׁוֹן וּמְלִיצָה אוּן אַ דַבְּרָן. הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אֵיין מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים מוֹחֵל גִיוֶוען דִי מְלוּכָה ווייל עֶר אִיז אַזוֹי אַ בַּעַל לָשׁוֹן. **הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין דָאס מוּז בְּוַודַאי זַיין דֶער מֵלִיץ** פוּן אוּנְזֶער מֶלֶךְ הַנַּ"ל. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט דֶעם מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. מֶע מוּז מֶעלְדִיוֶוען הָאט מֶען גִימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז זֵיי זָאלִין אַרַיין קוּמֶען.

**זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ דֶעם מֶלֶךְ.** אוּן דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער מֵלִיץ פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אִיז גִיוֶוען צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן בְּכִיּוֹת. אִיז דֶער מֵלִיץ מִיט זֵיי אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען.

**זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען זוּכִין.** טָאמֶער וֶועלִין זֵיי גִיפִינֶען דִי אִיבְּרִיקֶע. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הֶעלְפְט זֵיי. זֵיי גִיפִינֶען אַלֶע מָאל זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים. אוּן זֵיי הָאבִּין דָאס אַלֶץ אָנְגִיהָאנְגֶען אִין דֶעם זְכוּת פוּן זֵייעֶר כָּשֵׁרִין בַּעַל

תְּפִלָּה וָואס עֶר אִיז תָּמִיד מִתְפַּלֵל דְרוּיף. אוּן דָארְךְ זַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה אַלְץ צוּ גִיפִינֶען זֵייעֶרע חֲבֵרִים.

**זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען** טָאמֶער וֶועלִין זֵיי נָאךְ גִיפִינֶען דִי אִיבְּרִיקֶע. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס אוּן וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט אַז זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין אַז דֶער תַּכְלִית אִיז אַז מֶע זָאל שִׁיכִּירִין אוּן פְרֵיילִיךְ זַיין הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען עֶפֶּעס אַ שִׁיכּוֹר פַאר אֵיין מֶלֶךְ. וָוארִין עֶר אִיז תָּמִיד פְרֵיילִיךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אֵיין מֶענְשְׁן וָואס עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין אֵיין יַם פוּן וַויין אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר ווָאוֹיל גִיפֶעלִין בֶּעסֶער. וָוארִין דֶער אִיז זִיךְ בְּוַודְאַי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שִׁכּוֹר וָוארִין עֶר זִיצְט זִיךְ אִין אַ יַם פוּן וַויין הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ.

**הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין** מֶע זָאל זִיךְ מִיט אִים זֶעהְן אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט. זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם מֶלֶךְ אוּן דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין דֶעם יַם פוּן וַויין וָואס עֶר אִיז גִיוָוארִין פוּן דִי רֵייד פוּן דֶעם מֵלִיץ וָואס עֶר הָאט גִיטְרֵייסְט זֵיי כַּנַּ"ל. (אוּן דִי מְדִינָה הָאט גִימֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער שִׁיכּוֹר וַוייל עֶר זִיצְט אִין אַ יַם פוּן וַויין הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ). **וִוי זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיקוּמֶען צוּ אִים.** הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן בְּכִיוֹת כַּנַּ"ל. אִיז דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן אוֹיךְ גִיגַאנְגֶען מִיט זֵיי.

**זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען** אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דִי וַוארְטִיס וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ אֵיין מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אַז זֵייעֶר מֶלֶךְ אִיז אַ יְפַת תּוֹאַר מַחְמַת זִי בְּרֶענְגְט צוּם תַּכְלִית. וָוארִין דֶער תַּכְלִית אִיז יִישּׁוּב הָעוֹלָם (דְהַיינוּ אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְשְׁן) כַּנַּ"ל אוּן פְרִיר אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר פַאר אֵיין מַלְכָּה דֶער נָאךְ הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אַ יְפַת תּוֹאַר וָואס זִי אִיז וִוילְד שֵׁיין זֵייעֶר. הָאבִּין זֵיי זִי אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מַלְכָּה. **הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין.** דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דִי בַּת מַלְכָּה הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיבֶּעטִין אוֹיב מֶע קָאן זִיךְ זֶעהְן מִיט אִיר. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט. **זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען** צוּ דֶער מַלְכָּה הָאבִּין זֵיי זִי דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַלֵיין אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען. קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִיט מְשַׁעֵר זַיין. הָאבְּן זֵיי זִי גִיפְרֶעגְט וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער. **הָאט זִי זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דֶעמוּלְט** אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען. אוּן הָאט אוֹיס גִיחַאפְּט דָאס טַייעֶרע קִינְד פוּן דֶער וִויג אַרוֹיס כַּנַּ"ל אִיז זִי תֵּיכֶּף בְּשַׁעַת בְּהָלָה נָאךְ גִילָאפִין נָאךְ דֶעם קִינְד אוּן זִי הָאט עֶס נִיט גִיפוּנֶען. הָאט זִי דִי מִילִיךְ גִישְׁפַּארְט אוּן דֶער פוּן אִיז גִיוָוארִין אַ יַם פוּן מִילִיךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זִי גִיפוּנֶען דִי מְדִינָה אוּן הָאבִּין זִי אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אֵיין מֶלֶךְ אוֹיף זֵיי.

**אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה** אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוֹיךְ אוֹיף דֶעם טַייעֶרְן קִינְד וָואס סֶע אִיז נִיט דָא. אוּן אוֹיף אִיר פָּאטֶער אוּן מוּטֶער וָואס זִי וֵוייסְט פוּן זֵיי נִיט. **אוּן הַיינְט הָאט שׁוֹין דִי מְדִינָה אַ מֶלֶךְ אוֹיךְ.** וָוארִין דָא אִיז זִיךְ שׁוֹין דָא אִיר מַאן פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה וָואס זִי אִיז דָא גִיוָוארִין מַלְכָּה וָוארִין דֶער גִבּוֹר אִיז זִיךְ אִיר מַאן. הָאט שׁוֹין דִי מְדִינָה אַ מֶלֶךְ. **הָאט דִי בַּת מַלְכָּה גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה** אַז עֶר זָאל דֶערְוַייל גֵיין אִין אִיר מְדִינָה אוּן זָאל זִי דֶערְוַייל אַבִּיסִיל רֵיינִיקְן פוּן זֵייעֶר מִיאוּס שְׁלֶעכְץ וָוארִין וַוייל בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית גִיוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר זֶענֶען זֵיי בְּוַודְאַי זֵייעֶר מְזוּהָם גִיוֶוען אוּן זֶענֶען זֵייעֶר גִילִיגִין אִין דֶער תַּאֲוָה **אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה** אַז עֶר זָאל גֵיין אוּן זָאל זֵיי דֶערְוַוייל אַבִּיסִיל רֵיינִיקִין דֶערְפוּן (כְּלוֹמֶר עֶר זָאל זֵיי מוּסָר זָאגִין אַז זֵיי זָאלִין נִיט אַזוֹי לִיגִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף) **אַז זֵיי** זָאלִין נִיט אַזוֹי גְרָאבּ זַיין אִין דֶעם שְׁלֶעכְץ וָוארִין חוּץ וָואס סֶע אִיז אַ תַּאֲוָה אִיז דָאס נָאךְ בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַזוֹי וִוי אֵיין **אֱמוּנָה אַז דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית** (וָוארִין דִי אַלֶע כִּתּוֹת וָוואס אִיטְלִיכֶע הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אִירֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ פַאר אַ תַּכְלִית כַּנַּ"ל. אִיז דִי זַאךְ בַּיי אִיטְלִיכֶער גִיוֶוען אַזוֹי וִוי אֵיין אֱמוּנָה אַז דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית) **אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גִיבֶּעטִין דֶעם** בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶר זָאל גֵיין אוּן זָאל זֵיי רֵיינִיקִין אַבִּיסִיל דֶערְוַוייל.

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פאר'הערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפלה (12)

**א. איבער וועלכע פלעצער איז דער חכם נישט אריבער?**
- ☐ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ☐ אין די מעשה שטייט נישט איבער וועם ער איז אריבער
- ☐ איבער דעם פלאץ פון דער מליץ און דער אוהב נאמן

**ב. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**
- ☐ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ☐ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ☐ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**ג. שאלת זכות: איבער וועלכע פלעצער איז דער מליץ נישט אריבער?**
- ☐ איבער דעם פלאץ פון דער בעל תפלה און דער גבור און דער ממונה
- ☐ אין די מעשה שטייט נישט איבער וועם ער איז אריבער
- ☐ איבער די פלאץ פון דער חכם און דער אוהב נאמן

**ד. אין וועמענס זכות האבן זיי אנגעהאנגען דאס אז זיי טרעפן זיך צוזאם?**
- ☐ פון דעם גבור
- ☐ פון דעם ממונה
- ☐ פון דעם בעל תפלה וואס איז שטענדיג מתפלל אויף דעם

**ה. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם אנגעקומען ? און ווער איז זייער קעניג?**
- ☐ צו די כתה פון חכמה און דער חכם איז זייער קעניג
- ☐ צו די כתה פון דיבור און דער מליץ איז זייער קעניג
- ☐ צו די כתה פון שמחה און דער אוהב נאמן איז זייער קעניג

**ו. צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**
- ☐ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ☐ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ☐ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג

**ז. פארוואס האבן זיי גענומען די בת מלכה פאר קעניג?**
- ☐ ווייל זי איז א טאכטער פון קעניג
- ☐ ווייל זי איז א יפת תואר
- ☐ ווייל זי איז געזעסן אין א ים פון מילך

**ח. אויף וואס האבן געוויינט די אנשי המלך און די בת מלכה?**
- ☐ אויף דעם טייערן קינד
- ☐ אויף איר טאטע און מאמע
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט די בת מלכה געבעטן פון דעם בעל תפלה?**
- ☐ צו א ביסל ריייניגן דערווייל די מדינה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ☐ צו ריייניגן די מדינה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ☐ צו א ביסל ריייניגן דערווייל אלע מדינות פון זייער טעות

**י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



## טיפער געטראכט

**וועלכע פון די אנשי המלך האט געקעניגט אויף צווי מדינות, - און אויף וועלכע צווי מדינות האט ער געקעניגט ?**

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**ווער פון די אנשי המלך איז געגאנגען דער ערשטער אויפן וועג צום שוורד ? און וויפל אנשי המלך זענען געגאנגען צוזאמען ?**

**דער ממונה על האוצרות, ביז דערווייל האבן געגאנגען דריי אנשי המלך דער ממונה, דער גבור און דער בעל תפלה**

# דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com